F
22.576

http://rcin.org.pl

http://rcin.org.pl

יוּליוש סלאָוואצקי

# דזשוּמע



פארלאג ח. בזשאזא ווארשע

http://rcin.org.pl

http://rcin.org.pl

## יוליוש סלאָוואַצקי

# דזשומע.

## פאָעמע

יידיש: יצחק טורקאָוו.

פאַרלאַג ח. בזשאָזא, וואַרשע 1926.

http://rcin.org.pl

# אַ פּאָר ווערטער.

די פּוילישע ליטעראַטור איז פֿאַר דעם ייִדיש-לעזער זער ווייניק באַקאַנט, בעיקר די שענסטע תּקופֿה אין דער פּוילישער ליטעראַטור — דער פּוילישער ראָמאַנטיזם. און דאָס איז באמת אַ גרויסע שאָד, ווייל דער פּוילישער ראָמאַנטיזם, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין די ווייען פֿונעם פּוילישן גלות און איז דערפֿאַר כּמעט אינגאַנצן דורכגעדרונגען מיט אַ פּויליש פּאַטריאָטישן גייסט, איז אָבער, אַ דאַנק דער גרויסקייט פֿון די דריי גרעסטע געניע, אויך אוניווערסאַל און פֿאַרנעמט אַ גרויסן אָרט אין דער וועלט-ליטעראַטור פֿון יענער תּקופֿה. ער איז דיכטעריש שטאַרק און דערפֿאַר איז כּדאַי אויך היינט צו לייענען די ווערק פֿון די ראָמאַנטישע דיכטער.

יוליוש סלאָוואַצקי (געב. 1809 געשט. 1849), דער אויטאָר פֿון דעם ביכל, געהערט צו די דריי גרעסטע דיכטער פֿון יענער תּקופֿה. ער איז אין זיינע דיכטונגען (בעיקר אין די ערשטע) דער אַמווייניקסטן נאַציאָנאַלער פֿון צווישן זיי און איז דערפֿאַר אויך נישט דערשאַצט געוואָרן אין זיין צייט און אַפֿילו שפּעטער; ער איז אָבער דער גרעסטער קינסטלער פֿון די דריי — און דאָס איז דאָס וויכטיקסטע. ס'איז אוממעגלעך דאָ צו געבן כאָטש אַ קורצע אָפּשאַצונג פֿון סלאָוואַצקין, ס'איז נאָר כּדאַי צו באַמערקן, אַז ער איז געווען אַ דורכויס לירישער דיכטער — דער גרעסטער פּוילישער ליריקער.

דאָס דאָזיקע ביכל איז דאָס ערשטע פֿון אַ גאַנצער ריי איבערזעצונגען פֿון יענער תּקופֿה אין דער פּוילישער ליטעראַטור, וועלכע איך האָב בדעה אַרויסצוגעבן. ס'רופֿט זיך „דזשומע", ווייל פֿאַר אונז איז וויכטיק נישט נאָר די פּאָעמע („דער פֿאָטער פֿון די דזשומע-קראַנקע"), נאָר אויך די הקדמה („די קוואַראַנטין אין על-אַריש"), וועלכע איז אַ שפּיגל פֿון סלאָוואַצקיס גייסט-צושטאַנד אין יענער צייט, פֿון דער דזשומע-אַטמאָספֿער אין וועלכער דער דיכטער האָט זיך געפֿונען דאַן (בשעת זיין עולה-רגל זיין קיין ארץ-ישראל), בעת דעם גייסטיקן איבערברוך ביי אים, פֿאַר דער פֿולשטענדיקער גייסטיקער איבערגעשטאַלטונג („טראַנספֿיגוראַציע"), וועלכע ער האָט דורכגעמאַכט מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער.

אין דער איבערזעצונג האָב איך בכלל נישט געמיט זיך אַרויסצובאַקומען די שיינקייט פֿון פֿאָרם אין דער פּאָעמע (כאָטש סלאָוואַצקי איז געווען אַ מייסטער פֿון פֿאָרם), ווייל נישט דאָס איז וויכטיק פֿאַרן היינטיקן לעזער. איך האָב נאָר געוואָלט אַרויסבאַקומען דעם טיפֿן ליריזם, די שטאַרקייט פֿון אויסדרוק און די בילדערישקייט פֿון דער פּאָעמע. דערפֿאַר האָב איך זיך דערלויבט צו פֿאַרגרעסערן די צאָל זילבן אין זאַץ, נישט מדקדק צו זיין אויפֿן אַרויסבאַקומען די ריטמיק פֿון סלאָוואַצקיס שפּראַך, וואָס וואָלט לויט מיין מיינונג אין ייִדיש שלעכט געקלונגען. די איבערזעצונג איז דערפֿאַר אין זין פֿון פֿאָרם אַ פֿרייע און מסתּמא נישט פֿריי פֿון דעפֿעקטן, נאָר מיין כּוונה איז געווען צו געבן אַ ריכטיק גייסטיק בילד פֿון דער פּאָעמע און דאָס, גלויב איך, איז דאָ.

וואַרשע, דעצעמבער 1924. דער איבערזעצער.

http://rcin.org.pl

# די קוואַראַנטאַן[1] אין על־אַריש.

כּדי קלאָרער צו מאַכן די פאָלגנדיקע פאַקטן, מוז איך אומבאַדינגט זאָגן אַפּאָר ווערטער וועגן דער קוואַראַנטאַן אויפן מדבר צווישן מצרים און ארץ־ישראל, נעבן דעם שטעטל על־אַריש. מאָדנע איז דער איינפאַל פון מאַכמעד־אַלי, וואָס האָט אין געדאַנק אָנגעצייכנט אויפן וויסטן זאַמד אַ גרענעץ צווישן זיינע צוויי לענדער, און אונטער דער דראָונג פון שווערע געצוווּנגען די פרייע בעדויִנער אויפשטעלן אין דעם אָרט זייערע געצעלטן און איבער צען טעג צו לעבן אונטערן אויפזיכט און וואַך פון אַ דאָקטאָר. אַנדערש קענען זיי נישט אַריבערקומען פון מצרים קיין סיריען. בשעת מיין וואַנדערן אויף אַ קעמל האָט מיך געטראָפן דער זעלבער גורל. נאָך אַכט טעג רייזע בין איך פון קאַיר געקומען צום טרויעריקן זאַמדטאָל, כּדי דאָ צו בלייבן צוועלף טעג. לכתחילה האָב איך נישט געקענט באַגרייפן, ווי קען אַזאַ וויסטער אָרט, אָן אַ הייזל, פאַרשאָטן אינגאַנצן מיט טרוקענעם זאַמד, אונטערגעוואָרפן ווערן דעם מענטשלעכן רעכט. אָבער די שווערע פון באַשאַ האָט, ווייזט אויס, געהאָנגען אויפן בלויעם הימל איבער די קעפּ פון מיינע וועגפירער – אַראַבער, ווייל קומענדיק אין טאָל פון דער קוואַראַנטאַן, האָבן זיי געהייסן קניען די קעמלען און אין זייערע שוואַרצע פּנימער האָט זיך געמערקט אַ טיפע אונטערטעניקייט פון פרייע מענטשן פאַרן געזעץ פון שרעקלעכן מענטש. ס'איז געקומען אַ דאָקטאָר פונם שטעטל



http://rcin.org.pl

על-אַריש — דאָס איז דאָס ערשטע שטעטל, וועלכעס איך
האָב נאָכן אַרויספאָר פון קאַיר דערזען פונדערווייטנס — און
דער דאָקטאָר — דער ערשטער אַנגעטראָפענער מענטש. הער
סטעפּלע-אַזוי האָט געהייסן דער דאָקטאָר, אַן איטאַליענישער
עמיגראַנט — האָט זיך תיכף באַמיט צו מאַכן מיין אַנוועזנהייט
אונטערן פרייען הימל ווי אמבאַקוועמלעכסטן; ער האָט פאַר
אונזער רייזנדיקער קאָמפּאַניע אַרויסגעגעבן פון לאַגער אַפּאָר
געצעלטן, און, ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוווּסט, האָבן
זיך זיין ווייבס הענטלעך געטונקען אין ווייסן און זילבערנעם
מעל, ס׳זאָל מיר נישט אויספעלן קיין אייראָפּעיש ברויט.
פאַנאַנדערלייגנדיק זיך אונטערן געצעלט האָב איך זיך אַנגע-
הויבן צוצוגעוווינען צום טרויעריקן בילד וואָס האָט מיך
אַרומגערינגלט. אינדערווייטנס האָט כמעט אַן אויסגעטרוקנטער
טייכל דורכגעשניטן דעם זאַמדיקן טאָל און געגאַנגען צום ים;
ווייטער — אַ גרויער באַנד פון פּאַלמען-וועלדער; פון צפון
האָט דער בלויער פּאַס פון מיטללענדישן ים פאַנאַנדערגעגאָסן
זיך ביים זאַמד און אַנגעפולט די רויקע לופט איבערן מדבר
מיט אַ טרויעריקן געמורמל פון כוואַליעס. און אויף אַ פּיראַמידן-
אַרטיקן זאַמד-בערגל ביים ים האָט מיט זיין ווייסער קאָפּולע
געלויכטן דער מאַוזאָלעום[2]) פון שעך — אַ שרעקלעכער, ווייל
דאָרט אין די היילן האָט מען מקבר געווען די פון דזשומע
געשטאָרבענע; צוליב זיין אַרכיטעקטור און געלבלעכע ווייסקייט
האָט ער אויסגעזען ווי אַ סקעלעט. און פון דער צווייטער
זייט — זאַמדיקע בערגלעך און אויף זיי די געצעלטן פון
די אין שאַרף-קאָלירקע אָריענטאַלישע בגדים אַנגעטוענע
וועכטער, וואָס האָבן אָבסערווירט די קוואַראַנטאַן; אין
מיטן טאָל איז געשטאַנען עפּעס ווי אַ זאַמדיקער זייל,
פון וועלכן דער מועזין[3]) האָט מיט אַ הילכיקער שטים אויס-
גערופן גאָטס גרויסקייט, אין פרימאָרגן, אָוונט און ביינאַכט.
די אַלע* בילדער וועט אויך דער לעזער געפינען אין דער
פאָלגנדיקער דערציילונג; און זען וועט ער זיי אין דער ריכ-
טיקער שיין, ווייל דורך מענטשלעכע טרערן. וואָס שייך מיר,



http://rcin.org.pl

האָב איך זיך אָנגעהויבן צוצוגעוווינען צו מיין געצעלט און איך האָב זיך איינגעלעבט מיט דער שטילקייט פֿון זאַמדיקן מדבר און רויש פֿונם ים, צו וועלכן מ'האָט מיר דערלויבט צו שפּאַצירן, מיטנעמענדיק מיט זיך איינעם פֿון די קוואַראַנטאַנוועכטער. ערב קריסטוס געבורסטאָג (1836), ווען מיינע מחשבות זענען אַנטלאָפֿן פֿון דעם רויִקן מדבר צו מיין ווייטן היימלאַנד און צו יענע טעג, וועלכע איך האָב אין אַ היימישער סביבה פֿאַרבראַכט מיט סעודות — האָט אַ שרעקלעכער שטורם, דורכגעוואָרפֿן דורכן ווינט פֿון רויטן אויפֿן מיטללענדישן ים, פֿאַרהילכט די נאַכט און באַגאָסן מיט אַ רעגן פֿון דונערן מיין געצעלט, וואָס איז ווייט געווען פֿון מענטשלעכן ישוב. אין מיין הארץ, וואָס איז טרויעריק און וועגן מיין לאַנד פֿאַרטראַכט געווען, האָט פּאַמעלעך אָנגעהויבן צו דערשיינען אַ שרעק. איבער מיר האָט זיך געוואַקלט דער דורכן ווינט און רעגן געפּלאַטערטער געצעלט, און, באַפֿורפֿורט פֿון דונערן, האָט ער אויסגעזען ווי אַ פֿייערדיקער כּרוב, וואָס היט דעם בעט פֿון אַ שלאָפֿלאָזן. דער ווינט האָט אויסגעצלאָשן די ליכט און דער נאַסער קנויט האָט זיך נישט געלאָזט מער אָנצינדן. לבד וואָלטן זיין באַשרייבונגען, ווייל מיט אַ ביבלישער גרויסקייט האָט געבושעוועט דער שטורם אין מדבר. — אָנהעלי[4]) האָט שוין געטראַכט, אַז ס'איז געקומען דער שטורם, וואָס וועט אים פֿון דער ערד אַראָפּקערן און אַוועקטראָגן אין אַ רויִקן לאַנד; ס'איז אָבער דורך די שלאָפֿלאָזע נאַכט פֿון שוידער, און ווען כ'בין באַגינען אַרויס פֿון געצעלט, האָבן אייזערנע וואָלקנס באַדעקט דעם הימל און אַ קליין רעגנדל האָט די לופֿט געמאַכט טרויעריק. אָבער נישט דאָס איז געווען דער סוף פֿון אונזער שרעק; דער געשריי פֿון אַראַבער האָט מיר אָנגעזאָגט אַ נייע סכּנה: יענץ טייכל, ווו ס'האָט נעכטן זיך קוים אַ פֿאָדים וואַסער געשלענגלט דורכן זאַמדיקן הוילוועג, איז דורכן ביינאַכטיקן רעגן אָנגעשוואָלן געוואָרן און געלאָפֿן מיט זילבערנע פֿליגלען אויסצושפּרייטן זיך איבערן טאָל, ווו ס'זענען געשטאַנען אונזערע געצעלטן; אַפּאָר מינוט

זענען אונז קוים געבליבן צום ראַטעווען זיך. מיט דער הילף פון אראַבער האָבן מיר אָװעקגעטראָגן אונזערע געצעלטן אויפן נאָענטסטן זאַמד-בערגל. און תּיכּף נאָך אונז איז געקומען דאָס װאַסער פאַרפולן די זאַמדיקע רעדער, װאָס זענען געבליבן אַלס סימנים פון אונזערע אָװעקגעכאַפּטע הייזער אין טאָל. איך האָב פון בערגל געקוקט, אַן אַדורכגעפרוירענער און פאַרחושכטער, אויפן טריומף פון דעם אָרימען טייכל. און קוקנדיק אַזוי, האָב איך געהאַט אַ מאָדנעם געפיל. אַן אַ דאַך, אָן פייער, אָן שפּייז— כּמעט אַ ים-קאַטאַסטראָפע אויף דער יבשה — האָב איך נישט געקענט זיך װענדן אין נאָענטסטן שטעטל, װוּ מענטשן האָבן געװוינט, און נישט געקענט בעטן, מ׳זאָל מיך אַריינלאָזן אונטער אַ דאַך און ביי אַ גאַסטפריינטלעכן פייער אָװעקזעצן. און ערגערע שטורמס האָבן דאָך געקענט נאָכקומען, דער ים האָט געקענט פאַרגיסן דאָס בערגל, אויף װעלכן איך בין געשטאַנען. און אַלץ האָט מען עס באַדאַרפט אויסהאַלטן מיט אייגענע כּחות, אַרויסראַטעװען זיך אָדער פאַלן אין די אויגן פון מענטשן, װאָס האָבן מיך און מיינע זאַכן אָנרירן נישט געקענט און נישט געװאָגט. לסוף האָט זיך אויסגעלייטערט דער הימל און איך, דורך דערפאַרונג אַן אָנגעלערנטער, האָב אויפגעשטעלט מיין געצעלט נישט אין טאָל, נאָר אויפן העכסטן בערגל; און ס׳זענען געקומען לויטערע, רויקע טעג, װאָס זענען זיך שטיל אין דעם מדבּר געפלאָסן. סאָלימאַן, מיין װעג-פירער, האָט מיר דערציילט פאַרשידענע איינצלהייטן װעגן זיינע פריערדיקע געסט, און מסתּמא אויך פון מיר געקליבן אַ זאַפּאַס פון קליינע באַאָבאַכטונגען, מיט װעלכע ער װעט װיילן די קומענדיקע װאַגרע-רער. און אין אָװנט האָט זיך דער שיינער, לאַנג-בערדיקער אַראַבער געזעצט ביים אַריינגאַנג פון געצעלט און אַ באַלויכ-טענער דורך דער־לבנה, װאָס האָט אין געצעלט אַריינגעבליקט, האָט ער געזונגען סטראָפן פון אַראַבישע פּאָעמען, װעלכנס אומפאַרשטענדלעכער קלאַנג און טרויעריקער ניגון האָט מיך געװיגט צום שלאָף. און דאַן – אפשר האָט מיך מיטן מאַנטל פון ריטער סאָלימאַ*) באַדעקט דער מלאך פון שלאָף און אָנגע-



http://rcin.org.pl

צייכנט אַ רויטן צלם אויף מיין ברוסט, און דעם אַראַבער פֿאַרוואַנדלט אין אַ ריטערלעכן דינער, וואָס זינגט טרויעריקע באַדענקונגס-לידער פֿון היימלאַנד... אָבער גענוג שוין וועגן דעם סודות-פֿולן שלאָף פֿון מיין לעבן, וועגן דער גאָלדענער וויסטע און וועגן דעם געצעלט, ווו איך האָב פֿאַרבראַכט רויִקע מינוטן, ווו מיינע אויפֿוואַכנדיקע אויגן האָבן געזען דורכן אָפּגעבויגענעם לייוונט אָריאָנס קאָנסטעלאַציע[5]), וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ שטערנדיקע האַרפֿע, אויסגעהאָנגען דורך גאָט איבערן געצעלט פֿון אַן אָרימען פֿויגל; גענוג וועגן דער רויִקער לעבנס-וואָך — זי איז פֿאַרביי. — מיינע קעמלען האָבן ווידער געקנים פֿאַר מיר, און, אויסציִענדיק זייערע לאַנגע, שלאַנגען-ענלעכע העלדזער צו קריסטוס קבר, האָבן זיי זיך אויפֿגעהויבן מיטן עולה-רגלניק, דעם אין מחשבות פֿאַרטיפֿטן. און ווען איך בין שוין אַ שעה צייט צום מזרח געפֿאָרן, האָב איך זיך אויסגעדרייט אויפֿן זאָטל, כּדי נאָכאַמאָל אַ קוק צו טון אויף מיין גרינעם געצעלט; איך האָב אים דערזען אויף אַ בערגל און ס׳האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז ער איז אַליין אַרויף אויף אַ הויכן אָרט, כּדי מיך צו געזעגנען; און צי האָבן עס מענטשן געטון, פּאַקנדיק די זאַכן, צי דער געצעלט אַליין, נישט האָבנדיק מער קיין מענטשן אין זיין מיט—אַפּאָר האַלטערס זענען אַרויסגעשלעפּט פֿון זאַמד געוואָרן און אַ פֿליגל האָט זיך געפּלאַטערט צו מיר, אויפֿדעקנדיק דעם ליידיקן, שוואַרצן שויס פֿון געצעלט. — איך האָב זיך אָפּגעקערט פֿון דער זאַך, וואָס האָט געהאַט נאָך מיר דאָס האַרץ צעריסן. און באַלד האָבן זיך אָנגעהויבן אויפֿן זאַמד ווייסע ליליעס צו באַווייזן, אָנזאָגנדיק, אַז מיר דערנענטערן זיך צו אַ פֿרוכטבאַרערן לאַנד: און כ׳האָב געטראַכט, אַז קוקנדיק אויף דיזעלבע בלומען, האָט קריסטוס צו זיינע תּלמידים געזאָגט, זיי זאָלן, קוקנדיק אויף די ליליען, וועלכע גאָט איז מלבּיש, נישט קימערן זיך וועגן מאָרגן און וועגן עולם-הזה-זאַכן.

דאָס איז די באַשרייבונג פֿון דער קוואַראַנטאַן, וועלכע איך בין אָפּגעקומען אין מדבר; אַ סך אַן ערגערע האָט דורכ-



http://rcin.org.pl

געמאכט דער זקן, וואָס דערציילט זייַנע אומגליקן אין דער פאָלגנדיקער פאָעמע. די געשיכטע פון זיין ווייטיק איז נישט איינגאַנצן אויסגעטראַכט: ס'האָט מיר זי דערציילט דער דאָקטאָר סטעבלע, וועלכן איך יואָלט געדאַנקט דאָ פאַר דער דערציילונג און פאַרן ברויט און פאר דער פריינטלעכקייט, ווען איך וואָלט וויסן, אַז די פאָר ווערטער וואָלטן אים דערגרייכט אין מדבר. אָבער וואָס איז פאַר אים אַ דערמאָנונג אין אַן אומפאָרשטענד־לעכער שפּראַך און אַן אַרויסגעזאָגטע מיט אַ שטים, וואָס גייט זיך קוים פאַנאַנדער ווי, גאָך אַ געוואָרפענעם שטיין, די רעדער אויפן וואַסער.

# דער פאָטער פון די פאַרפּעסטעטע

דריימאָל איז פאַרביי די לבנה אין איר גאָלדענער פראַכט<br>
זייט איך האָב דאָ, אויפן טרוקענעם זאַמד, מײַנע געצעלטן געבראַכט.<br>
אַ קינדעלע א קליינטשיקס האָט ביי מיין ווייב די ברוסט געזויגן,<br>
חוץ אים – עלטערע, דערוואקסענע – דריי זון און דריי טעכטער<br>
– אַלע זענען זיי טויטע פאַ־שלעפּט געוואָרן פון מיינע אויגן<br>
אין דער מתים־הייל פון שעך[1], דורך די קוואַראַנטאַננע וועכטער.

מיר זענען געקומען. ניין דראָמאַדערן[2], טאָג־איין און טאָג־אויס,<br>
האָבן זיך געוואַנדערט צו די זאַמדיקע ים־ברעגן אַרויס,<br>
כּדי פון די הויך־גראָזיקע אַיערנס[3]־גרינקייט צו געניסן<br>
און שפּעטער זיך געמיטלעך לייגן אין אַ רעדל אויף די קניען<br>
דאָרט, ווו היינט נאָר אַש געבליבן און אַמאָל – ביים פייערל דעם זיסן,<br>
ביי זיין וואַרעמקייט אין די קאַלטע מזרח־נעכט צו רוען.

מיט קאַן אויפן אַקסל זענען די טעכטער נאָך וואַסער געגאַנגען,<br>
זין האָבן פייער געמאַכט פון טרוקענע צווייגלעך און זאַנגען;<br>
מיין ווייב איז ביים פייער געשטאַנען, האַלטנדיק ס׳קינד ביי דער ברוסט,<br>
געמישט דאָס געקעכטס אין די טעפּ; די זון האָט געשמייכלט אין הויך...<br>
היינט – אַ ווייטיק מיינער! – איך בין אַליין, מיין געצעלט איז פּוסט<br>
אויסגעלאָשן איז ס׳משפחה־פייער, אַלץ אַוועק איז מיטן רויך.

און איך דאַרף איצט-אָ ווייטיק מיינער!–איינזאַם וואַנדערן צוריק
דריימאָל שרעקלעכע דורכלעבנדיק אויף די זאַמדן פערציק דורות,
זייט ס'האָט דער טויט פון מיין צעלט אַרויסגעגנבעט מיר מיין גליק
און אָויסגעלאָשן אין דער קוואַראַנטאַן מיינע אַכט מנורות!

אָ, אומבאַגרייפלעך וועט אייך פאַרקומען דער ווייטיק מיינער
וואָס וואַקסט אויס ביי מיר אין האַרץ און פאַרוואַנדלט געפילן אין שטיינער!
– כ'גיי צוריק צום גרויעם לבנון[4], צו מיין הויז אין די בערג:
ביים שוועל פון מיין הויז וועט מיך אָנכאַפּן פאָמאַראַנצן-ביימל ווילדער
„זקן, ווו זענען דיינע קינדער?"–און אויפן הויף איך באַמערק
מיינע טעכטערס בלומען – זיי וועלן זוכן מיינע טעכטערס בילדער.

און די שטיפנדיקע בלויע וואָלקנדלעך אויפן הימל פון לבנון
וועלן צריק ביי מיר מיין ווייב און זין און טעכטער מיינע מאָנען...
אָ, מיינע טייערסטע, זיי רוען איצט אין טויטן-הייל פון שעך...
– און מיך וועט דאָך אַ יעדער פרעגן: קום איך דען צוריק געזונט,
און הילכן וועט דיזעלבע פראַגע מיר אַרום אין אַלע עק'
– וואָס וועל איך זיי ענטפערן? ווי אַזוי וועל איך באַווייזן מיין וווּנד?

כ'בין געקומען. כ'האָב אויפגעשטעלט אין מיטן זאַמד מיין לייוונטן געצעלט
די דראָמאַדערן האָבן זיך געלייגט; ליכטיק האָט מיין קינד געקוועלט
מיט אַ פולער האַנט אויף דר'ערד געוואָרפן ברעקלעך פאַר די פייגלעך,
וואָס האָבן טאַנצנדיק געפּיקעט, געשמייכלט מיט די קליינע אייגלעך.

– צי זעסטו דאָס קליינע טייכעלע וואָס שלענגלט זיך דאָרט אין טאָל?
פון דאָרט קומט מיין יונגסטע טאָכטער מיט אַ וואַסער-קאַן – קרישטאָל.
זי האַלט דעם קאַן אויפן קאָפּ און גייט שלאַנק און גלייך ווי אַ צערער[5],
קומט צו צום פייער און, לאַכנדיק, באַשפּריצט זי אירע ברידער.
דער עלטסטער האָט זיך אויפגעכאַפּט (געלאַכט דערפון האָט יעדער...)
– „אַך, פלאַמען פייער, – זאָגט ער – ברענען דורך מיין שויס און גלידער,
כ'בין דורשטיק ווי אַ הונט – זאָל דיר גאָט פאַר דעם וואַסער באַצאָלן!"
און כאַפּט דעם קאַן מיט וואַסער אין זיינע ציטערדיקע הענט
און אין זיין בליאַסקענד-שוואַרצן אָדלער-אויג אַ פייער זיך צעברענט,
ער טרינקט–און ווי אַ דורכגעבראָכן פאַלמע[6]) איז ער אומגעפאַלן.

איך קום צולויפן אויפן אָרט פון אומגליק – שוין אָבער אחרי־מות!)
די טעכטער מיינע ווילן אים, דעם טויטן, קישן און פאַלן אים צום שויס,
האָב איך אויסגעשריגן אַ פאַרצווייפלטער: – „זאָל קיינער זיך נישט וואגן!"
כ'האָב געכאַפּט דעם גוף און געוואָרפן אים צו די וואַכנדיקע ראָבן
זיי זאָלן אים אַרויפנעמען אויף די אייזערנע דזשומע-טראָגן
און דאָרט ווו מ'באַגראָבט די דזשומע־טויטע זאָל מען אים באַגראָבן.

פון דער נאַכט ווען ס'האָט דער טויט דעם ווייטיק אין מיין צעלט פאַרטריבן,
בין איך אויף נייע פערציק טעג אין דער קוואַראַנטאַן געבליבן.

דערזעלבער נאַכט זענען האָפנע און אַמין געשטאָרבן ביידע,
צוזאַמען ליגנדיק אין בעט. און שטיל אַזוי אין זייער ליידן,
אַז כ'האָב אַפילו קיין קרעכץ נישט געהערט, דעם טויט נישט באַמערקט,
כאָטש מיינע אויגן זענען שלאָפלאָז געווען נאָכן טויט פון מיין זון;
אַפילו די מוטער האָט נישט געהערט ווי זיי ווערן דערווערגט
– אין דער נאַכט האָט דער טויט שטילערהייט זיין עבודה געטון.
און באַגינען האָב איך מיט די צוויי טעכטער, בלווינע ווי אייזן,
ווידער געגעבן, דורך הענט פון וועכטער, דער הייל פון שעך צו לייזן.
זיי זענען שוין אַוועק, זיי האָבן קיין שום וועג נישט מער צוריק!
און, ווי ס'פּאַסט פאַר גרויסע טעכטער, אויסגעקערט מיט האָר די בריק.

זעסטו די זון וואָס שווימט זיך דורך אויפן בלויען געוועב פון הימל?
שטענדיק שטייט זי אויף הינטער די פאַלמען־ביימער פון איר דרימל,
שטענדיק גייט זי זיך דיזעלבע הינטער דעם זאַמדיקן בערגל שלאָפן,
איך שטענדיק איז דערזעלבער הימל, קיינמאָל נישט באַפּלעקט דורך וואָלקן.
און איך האָב שוין געמיינט, אַז ס'איז די גאָלדענע זון אַנטלאָפן,
שוין אַן אַנדערע שיינט; און דער הימל באַדעקט מיט שוידער־וואָלקן.
די זון האָט אויסגעזען ווי אַ געשפּענסט, דער הימל – ווי אַ שד,
ווייל זיי האָבן געקוקט ווי מיינע קינדער ליגן אויף דעם טויטן־בעט
און אין אויגן מיר געלאַכט! האָב איך שוין נישט געגלייבט אַפילו,
אַז צו גאָט, אין וואָלקן פאַרהילטן, וועט קענען דערגרייכן מיין תפילה.

און אַזוי האָבן זיך פאַמעלעך צען מעת-לעת געשלעפּט, געשלעפּט,
די איבערבליבענע פיר קינדער האָבן גאָט צו דאַנק געלעבט.



http://rcin.org.pl

מיין ווייב האָט לייכטער אָפּגעאָטעמט און מונטערער געוואָרן,
מיין קינדעלע ס'יינגסטע האָט זיך צעטוויקלט און געוואַקסן – אַ בלימל;
אויך איך האָב אָפּגעאָטעמט, ווייל כ'האָב נישט געגלייבט, אַז דער הימל
וועט, טויטנדיק דריי קינדער, אויף די געבליבענע וואַרפן זיין צאָרן.

אָ, איז דאָס דאָן פאַר מיר געווען אַ גיהנומדיקע שעה
ווען כ'האָב דערזען אויף מיין יינגסטן זונס פּנים זיין אייביקע רו!
כ'האָב אים שטענדיק אָפּגעהיט – זיין גליק האָט מיך געמאַכט באַגליקט...
פון אָנהייב האָט אַ קליינער צייכן זיך באַוויזן אויף זיין פּנים:
קיינער וואָלט נישט באַמערקט – איך בין אַ פאָטער, איך האָב דערבליקט!
ער איז בלאָס און רויט געוואָרן ווי דער בכור פון מיינע בנים, [5])
זיין גאַנצער גוף איז מיט קליינע אייזן-פלעקן דיכט געווען באַשיט.
האָב איך אויסגעשריגן אויפן קול צו אַלע: טויט אין אונזער מיט!
איך האָב אָנגעכאַפּט מיין זון און אָפּגעטראָגן צווישן דראָמאַדערן,
ס'זאָל די מוטער זיינע ליידן נישט זען, זיינע קרעכצן נישט דערהערן.

און ביי מיין גוססדיקן יינגסטן זון איז געווען אַ וואַך אָן מי:
איך מיט מיינע אַלע דראָמאַדערן – אַלע אויף די קני.
כ'האָב הענט געבראָכן, הויך צו גאָט גערופן מיט אַ קול פון האַרצן-ריסן:
– לאָז אים לעבן, אָדער – צו וואָס האָסטו אים אויף דער ערד געבראַכט!

און דאָרט, איבער פאַלמען, האָט זיך די לבנה בלאַס געלאַכט
און געקוקט אַזוי ווי ס'שטאַרבט מ'יין זון... נאָר ווען זי זאָל וויסן,
ווי באַשווערט זי האָט מיר ס'האַרץ!... ווי-זשע האָט באַוויזן זי צו קוקן
און ס'זאָל נישט פאַלן פון איר קיין קרעכץ און אירע אויגן זאָלן בלייבן טרוקן!

ווען מיין זון איז אָפּגעשטאָרבן אין מיין פאָטערלעכן דריק צום שויס,
האָב איך געוואָלט אויף אַש פאַרברענען אים; נאָר ווען דער פייער
האָט אָנגעכאַפּט דעם בגד זיינס, האָב איכ'ס צריק געשלעפּט אַרויס
און געוואָרפן צו די דזשומע-וועכטער אָט דעם נייעם קרבן זייער.
עס האָבן אים אָוועקגעכאַפּט פון מיר צוויי שוואַרצע קברנים...
– ס'איז אים אפשר בעסער איצט צווישן מיינע טויטע בנים...

פון דעם טאָג ווען ס'האָט דער טויט דעם ווייטיק אין מיין צעלט פאַרטריבן,
בין איך אויף נייע פערציק טעג אין דער קוואַראַנטאַן געבליבן.



http://rcin.org.pl

אונטערן בלוטיקן שיין פון זון, אין סם-געריך פון צעלט,
לעבן מיר פאַרגעסענע פון — און פאַרגעסנדיק די גרויסע וועלט.
קיין וואָרט נישט גערעדט און געמאַכט פאַרן טויט דעם אָנשטעל פון טויט,
געוואָלט אָפּנאַרן גאָט און פאַרטרייבן מגפה פון אונזער מיט.
נאָר ס'איז דער מלאך-מערדער געקומען נאָך זיין טעגלעך ברויט!
אָבער קיין טרער האָט נישט צרויסגערופן קלאַנג פון זיינע טריט
— אַ שטיינערן האַרץ האָב איך געהאַט, אַן אייזן-מח און אויגן אָן טרערן.
מיין אויג האָט נישט געוואָלט דערזען, אויער נישט געוואָלט דערהערן
די קרעכצן פון מיין דריטן זון, ווייל ליידן זענען שוין געווען ביי מיר
אַ זאַך וואָס טאָר נישט מיאוס ווערן, כאָטש מען האָט עס אָן אַ שיעור.

און מיין דריטער זון, וואָס האָט געגאָסט דאַן פאָר מיינע אויגן
איז אַמווייניקסטן געווען באַליבט ביי אונז, אַמווייניקסטן דערצויגן
און אַמווייניקסטן באַוויינט זיין טויט. איז אפשר אָט דערפאַר האָט
אים באַשאָנקען מיט אַ לייכטן, שטילן טויט דער אַלמעכטיקער גאָט:
אָן אַ ווייטיק, שוידער, אָן אַ יאָמער, קרעכץ און אָן געוויין
— געשטאָרבן, קאַלט געוואָרן און פאַרגליווערט און פאַרוואַנדלט זיך אין שטיין.

נאָר אַזוי שרעקלעך איז געווען זיין פּנים אויף דעם טויטן-בעט,
אַז ס'האָט צו אונז אַ יעדער שטריך, מיט פאַרוואָרף, שווייגנדיק גערעדט:
„איך פאָדער נישט קיין טרערן פון אייער פאַרגליווערט-מאַטע אויגן
ס'האָבן זיינע טיפע פּנים-שטריכן אונזערע הערצער געשפּאָלטן
און ס'איז אַ באַהאַלטענע שטים אין אוירן געפלויגן:
„זייט פאַרשאָלטן!

ער איז געשטאָרבן. און איך האָב דאַן געטראַכט, אַ ווייטיק מיינער!
אַז גאָט קען צונעמען מיין ווייב, דאָס קינד און מיינע ביינער,
נאָר מיין טאָכטער? — וועגן איר וואָלט איך אפילו טראַכטן נישט געוואַגט.
איך האָב זיך דאָך אפילו גאָר נישט אָנגעהויבן שרעקן וועגן איר.
אַזאַ יונגע, שיינע, אַזאַ פריילעכקייט וואָס זי פאַרמאָגט.
מיין קאָפּ האָט זי באַגליקט מיט יעדן אירע ליליען-פינגער ריר.
און ווען זי האָט די אויגן מיר פאַרדעקט מיט אירע האָרלעך-דין
פון לאַנגע צעפּ, האָב איך דורך זון און טרערן זי אַלס רויז דערבליקט...



http://rcin.org.pl

שטענדיק זעסטו זי ביי אַרבעט ווי אַן אַרבעטסזאַמע שפּין
— אַפילו אָט דעם בליאַסקענדיקן גאַרטל האָט זי מיר אויסגעשטריקט.

אָך, זי איז געווען פון אונזער הויז די האַרין. יעדע פּיין,
וואָס האָט געטראָפן אונז, איז ווי אַ שאַרפע שפּיז אין איר אַריין.
זי האָט ווי אַ מלאך ס׳וויגעלע מיט קליינעם קינד געהיט,
און ווו נאָר מען דערהערט געוויינען, דאָרט הערסטו איר טריט.
— אַזאַ איז געווען האַטפּע מיינע, אַ מלאך אויף דער וועלט!

צען מעת-לעת זענען פאַרביי זייט ס׳איז אַרויס מיין זון פון צעלט,
עס האָט אונז אָנגעהויבן שוין אַ גייע, שיינע האָפנונג לייכטן.
אַוועק די צווייטע צען טעג און נעכט, דאַן האָב איך שוין געמיינט,
אַז ס׳וועט דער טויט צופרידן בלייבן מיט זיין קרבנות-צאָל דערגרייכטן
און וועט אַנטלויפן דאָרט אין וויטן ווו ביינאַכט די לבנה שיינט.
מיין ווייב האָט אויפגעהערט צו קלאָגן נאָך די פינף טויטע קינדער,
מיר האָבן שוין...—אָ, גאָט! אַ מענטש איז אָקעגניבער דיינע דרכים גאָר אַ בלינדער!
— דרייסיק לאַנגע טעג און ניין און צוואַנציק נעכט זענען פאַרביי.
די דרייסיקסטע נאַכט — כ׳האָב פאַרגעסן וועגן טויט און איינגעשלאָפן פריי.

איך האָב געהאַט אַ חלום: די צוויי געשטאָרבענע טעכטער
האָבן האַנט-אין-האַנט שפּאַצירט איבער מיין צעלט אין אַ קבר-רוּ,
מיט פלאַמענדיקע אויגן צוגעגאַנגען צו מיין האַטפּען צו
און אָנגערירט איר שיינעם קאָפּ מיט זייער האַנט דער רעכטער!

איך כאַפּ זיך אויף פון שלאָף און שריי און שעלט מיט טויטע קללות,
אַ שוויס באַגיסט... „האַטפּע!“ רוף איך און איך מאַך יללות[9]!
זי איז צוגעגאַנגען, שטיל ווי אַ פייגעלע, צו מיין בעט
און האָט מיך מיט אירע הענטלעך איבער מיין פּנים געגלעט.
כ׳האָב געהערט ווי ס׳קלאַפּט איר האַרץ און זיך באַרזיקט ווי אַ קינד.
נאָר ווען די זון איז אויף, איז מיין טאָכטער — ווייי איז מיר און ווינד!
— איר ווייסט — צו וואָס זאָל איך זיך נאָך מיט מיין ווייטיק דאָ צעשפּרייטן
— אויך זי איז דורך דעם טויט פאַרשלעפּט געוואָרן דעם לאַנד פון טויטע.
אויך זי האָט אויסגעהויכט איר אָטעם ליגנדיק אויף מייַנע הענט!
און דאַן, בשעת איר שטאַרבן, איז געווען אַ שרעקלעכע מינוט,



http://rcin.org.pl

װען זי האָט, װערנדיק דורך דעם מערדערלעכן װײטיק דורכגעבּרענט,
גערופֿן: „ראָטעװעט“ און אירע ליפּן האָבּן דאַן געגלאַנצט װי בּלוט
און האָבּן אױסגעזען װי יונגע רױז װאָס װיקלט זיך פֿאַנאַנדער...
און שײן איז זי געװען װי אַ מלאך נאָכן מתים־װאַנדער.

זענען געקומען די װעכטער װײנען איבּער מײן צרה
און אָװעקגענומען פֿון מיר מײן קינד אין דער טױטן־מערה[10].
האָבּן זײ נישט גוט געװאָרפֿן צו מײן טאָכטער דעם אײזערנעם האָק
– ער איז אױף איר קײלעכדיקער, האַרטער, װײסער בּרוסט געפֿאַלן.
און דאַן איז – אָ, גאָט, זאָל זײן דערפֿאַר שױן זײער לעצטער טאָג –
אין מײנע אױגן איז דערפֿון איר בּרוסט אין בּלוט זיך דאַן צעפֿאַלן!
דו װעסט זײן שױן דערפֿאַר,
אָ, גרױסער גאָט, בּאַצאָלן זײער שכר!
איך האָבּ געכאַפּט מײן קינד
און בּאַערדיקט זי אַלײן געשװינד.

מיט פֿאַרלײגטע הענט איז מײן װײבּ געזעסן דרײ טעג כּסדר
אין װינקל פֿון געצעלט, אַ געלע, טרוקענע װי אַ פּעדער.
ס'קינד איז בּלאַס געװאָרן, ס'האָט געהערט זיך זײן געװײן אַ גאַנצן טאָג,
װײל ס'מילך פֿון מוטערס בּרוסט איז אױסגעװעבּט געװאָרן פֿון איר קלאָג.

זע דעם מדבּר! – דו האָסט נישט קײן קינדער אין דער מתים־הײל,
איז ער בּײ דיר אַ גאָלדענער, העלער, ליכטיקער ערד־טײל?
אָבּער בּײ מיר – אַן עמק־הבּכא[11]) װײל איבּער דעם זאַמד
האָט מען טױטע גופֿים פֿון די קינדער מײנע דורכגעשלעפּט!
איך האָבּ דעם געריש פֿון ים פֿאַר מײנע צרות אױך פֿאַרדאַמט.
בּײ דיר – אַ ליד דער רעש פֿון ים; מיר דאָס ליד אַ קרעכץ פֿאַרװעבּט.
װען דער ים ליגט פֿאַרװיגט און װאַרפֿט זיך זײנע כװאַליעס שטילע,
הער איך אַ געשטיקט געװײן, דו – אַ סודותפֿולע תּפֿילה.

אין אַלע פֿאַרנאַכטיקע שעהן האָבּ איך געהערט דעם קול
פֿון מועזין, װאָס האָט װי מיטגעפֿילט מײן לײדן אַן אַ צאָל
און אױסגעזונגען יעדעס מאָל מיט אַ טרױעריקערער שטים:
– גרױס און שטאַרק איז אַללאַ, אַקבּאַר אַללאַ, רום און כּבוד אים!



http://rcin.org.pl

רום און כּבוד! דורך הוראַגאַן פון פייער, וואָס שטעט פאַרבּרענט;
דורך ערדציטערנישן, וואָס פאַרוואַנדלען וועלט אין חורבות-מאָנומענט;
דורך חולאת, וואָס רייסט אַרויס קינדער פון דער מוטערס שויס,
בּיסטו – אָ, אַללאַ, אַקבּאַר אַללאַ – בּיסטו שטאַרק און גרויס!

יעדע לעבּעדיקע בּריה האָט זיך פון מיר,
די לייוונט פון מיין צעלט – טעכטער האָבּן עס געוועבּט – זענען פון טוי
געוואָרן שוואַרץ, פאַרוויאַניעט, צעריסן אויף חלקים אָן אַ שיעור
און, ווי פון אַלטן מת תּכריכים, קרישלען זיי זיך ווי אַ שטרוי
– מ'האָט געזען, אַז דזשומע-קרענק האָט דאָ צו ווינען זיך פאַרוועלט!
אפילו די פייגעלעך, וואָס האָבּן אונז בּאַזוכט יעדן בּאַגינען,
– אין זאַמד זיך געבּאָדן, בּרעקלעך געזוכט, געזשווזשעט ווי בּינען –
האָבּן אויפגעהערט, נאָך מייַנע קינדערס טויט, בּאַזוכן מיין געצעלט.
צי האָט זיי אָפּגעשראָקן אונזער חורבּן, צי מיין מרה-שחורה?
– זיי זענען נישט געקומען, בּין איך נאָכמער געוואָרן טרויעריק.

פינף טעג זענען פאַרבּיי נאָכן טויט פון מיין טאָכטער, אָ גאָט!
די זון האָט זיך בּאַהאַלטן, די ערד דורך שוואַרצע וואָלקנס איז געווען בּאַדראָט
און ס'שטורמט אויף דער ים. – אַ נאַכט אַ שרעקלעכע איז אָנגעפאַלן,
אַ שטאָק פינצטערע און אַ בּלוט-רויטע פון די פייער-בּליצן.
נאָך היינט איך פיל און זע און הער ווי מעכטיק דונערן זיך שאַלן,
ווי כוואַליעס רעגן-וואַסער אויף דעם לייוונט פון געצעלט מיין שפריצן
און ווי מיין צעלט צעוויגט זיך איבּער מיר געריסן דורך דעם ווינט,
ווי מיט דונער רויטקייט-ים זיך איבּער דעם געצעלט צערינט
און מאַכט אים ענלעך צו אַ שדים-קבר פון די פלאַמען.
און ס'האָט זיך אויסגעדוכט, אַז מיט די שטורם-בּליצן צוזאַמען
האָבּ איך געהערט די קולות פון די טויטע קינדער מיינע
יאָמערן שוידערהאַפט און שטום.
האָבּ איך געזוכט, געזוכט אַרום,
אפשר האָט מען ערגעץ דאָ בּאַהאַלטן די נשמות ריינע?...
דערנאָך האָבּ איך מיין האַרץ, מיין אויער, אויגן מיינע אָנגעשטרענגט,
נאָר נישטאָ. האָבּ איך געטראַכט
צי האָט דען נישט אַזאַ מין נאַכט
מיינע קינדערס קאַלטע, ענגע קברים שטאַרקער נאָך פאַרענגט?



http://rcin.org.pl

און פלוצלינג... וואָס איז ווידער שטילערהייט דער טויט געקומען
און אַ נייעם ווייטיק איבער שוועל פון מיין געצעלט פאַרטריבן?
דרויסן האָט דעם הילך פון דונער אַ צווייטער אונטער זיך פאַרקליבן
און אין געצעלט האָט זיך מיין קינד אין אַ געוויין פאַרנומען.
און שוידערהאַפט האָט עס געמוזט זיין דאָס געוויין פון מיין קינד,
ווייל מיר, איך מיט דער מוטער, האָבן זיך אויפגעכאַפּט ווי אַ ווינט
און זיך געוואָרפן צו דעם וויגל ווו ס'האָט גערוט דער קליינער שוואַלב.
און כאָטש דאָס קרעכצן פון דעם קינד איז אַזוי שטיל געווען און האַלב,
האָט עס אונז אויסגעזען צו זיין אַזוי גוואַלטיק שטאַרק, צעריסן,
יאָמערדיק, פון טיפסטע אינערן, אַז מיר זענען גאָר אָן וויסן,
אָן באַוווּסטזיין, אָן האָפנונג געלאָפן
— דורך אַ דונער געטראָפן!

און ס'האָט אונז אונזער פאָרגעפיל נישט אָפגענאַרט. אויך ער איז
געשטאָרבן מיט דעמזעלבן ווייטיק ווי די קינדער מיינע אַלע,
עס האָט אים צוגענומען אונז דער אַלערהערשנדיקער ריז
— טויט! האָסט דאָס בעסטע, ליבסטע צוגענומען, גרויסער אַללע!
ס'וועט שוין מער נישט קומען צריק אין מיין געצעלט, ס'וועט נישט וואַקסן מער,
ס'וועט נישט קומען, ווייטיק מיינער, פיינגלעך איז עס מיר און שווער!

ס'איז געווען די צווייטע נאַכט. אויסגעשטערנט איז געווען דער הימל
אויף דעם טיש ליגט אונזער קינד פאַרזונקען אין אַן אייביק דרימל
— שרעקלעך איז עס געווען אין דער טיפער טויט-פאַרגליווערטקייט! —
נאָר איך האָב דאַן דערפילט, קוקנדיק אויף קליינעם קערפּערל ווי ס'ליגט,
אַז ס'זאָל אונז בלייבן אָט אַזוי אַפילו ביז דער אייביקייט,
וואָלט האַלב געווען דער ווייטיק — איך וואָלט זיך דאַן דערפילט באַגליקט.
אָבער בחינם... נישט איך, נישט די דזשומע-ווערכטער עס האָבן
אין קבר אָפּגעטראָגן: — ס'האָט די מוטער עס אַליין באַגראָבן.

מיט דער ווייב בין איך אַליין אין דעם ליידיקן געצעלט פאַרבליבן,
אָבער — ווערסטו עס פאַרשטיין? — דער טויט פון אונזערע קינדער זיבן
האָט אונז, אַנשטאָט דערנענטערן, אַ סם אין האַרץ-אַריין געגאָסן,
אַ פירוד אָנגעמאַכט צווישן אונז. עס האָט אונז אַלץ פאַרדראָסן,



http://rcin.org.pl

ס'האָט אַ האָס-מויער אַ שוואַרצער, הויכער אונז פאַנאַנדערטיילט.
מיר האָבן נישט אַרויסגערעדט די גאַנצע צייט צווישן זיך קיין וואָרט,
ווייל זאָג אַליין: וואָס האָבן דען געקענט צווישן זיך רעדן אויף דעם אָרט
עלטערן פון זיבן קינדער, וואָס האָבן זיך דאָ מיטן לעבן געטיילט?

טאָג-טעגלעך איז די זון אַ רויטע אויף דעם הימל זיך אַרויף,
טאָג-טעגלעך האָט זי פייערדיק פאַרענדיקט איר הימלדיקן לויף.
אין אונזער געצעלט איז זיך דאָס לעבן געקראָכן איינזאַם און שטיל,
נישט קיין קרעכץ, נישט קיין שאָרך, נאָר אַמאָל אַ מויז לויפט דורך די דיל
און פאַרשווינדט זיך. אַזוי האָבן מיר דורכגעלעבט די פערציק טעג
און געגרייט זיך שוין צו גיין צוריק אין אונזער טרויער-וועג.

ס'זענען אונז די קוואַראַנטאַנע-רופאים געקומען באַטראַכטן,
געשאָקלט מיטן קאָפּ, ווייל איך בין גרוי געוואָרן, מיין ווייב—געל ווי וואַקס,
ציגל-פייער אירע באַקן, בליצן אין די אויגן, האָר — אַ קראַנץ פון פלאַקס.
האָבן זיי געהייסן זיך אין קנאָכן קלאַפּן — געפינען דעם מת דעם אַכטן!
איך האָב זיך געקלאַפּט אין אָרט ווו ס'וואָרפט חולאת איר ערשטן קערן
— איך בין געזונט געווען! איך! — צי וועט איר נישט בשתומם ווערן?!
איך, וואָס האָב געקושט מיינע אַלע קינדערס קערפער טויטע
בין געזונט אַרויס פון דזשומע-שטאָט;
מיין ווייב — אַ גרויסער גאָט!
— ווען זי האָט אַ קלאַפּ-געטון אין אירע ברוסטן שוואַך-געבויטע
איז זי, וואָס האָט קיין העלפט פון אונזערע מתים נישט גערירט,
געפאַלן מיט אַ שווערן קרעכץ אויף דער ערד און מער זיך נישט געהויבן.
איך האָב געכאַפּט איר הייסן גוף, אין צעלט אַליין זי אָפּגעפירט
און געפאַלן ווי טויט אויף דר'ערד
מיט נייע פערציק טעג באַשווערט
— אָ, אַללאַ, אַקבאַר אַללאַ, כ'דאַרף דיך רומען, כ'דאַרף דיך לויבן!

מיין שטאַרבנדיקע ווייב האָט זיך פאַר איר טויט מיר מודה געווען:
זי האָט געהאַלט מיטנעמען אַן אנדענקען פון איר יינגסטן בן.



http://rcin.org.pl

איז זי געבאַנגען אין הייל פון שעך ווו ס'וויגט די דזשומע,
אויסגעגראָבן ס'קינד און לאָק פון זיינע האָר גענומען.
– אַזאַ כח האָט אין זיך געהאַט די אָרעמע מוטער!
זי האָט געפונען ס'קינד, ס'האָט נאָך נישט אָנגעהויבן צו צעפאַלן,
זי האָט געקושט עס אין די ליפן – צוויי רייען רויטע קאָראַלן
און צוריק באַגראָבן ס'קערפערל, וואָס האָט געגלאַנצט ווי פּערלמוטער.

דער לאָק אין קושן, געגנבעטע דעם נישט-פאַרגינענדיקן שעך,
האָבן מוטער געהרגעט און אָוועקגעריבּט מיין ווייב מיר פרעך.

ווידער האָט זיך פאַר מיר פאַנאַנדערעפנט ערדס זאַמדיקער שויס
– כ'האָב באַגראָבן די מוטער פון מיין פאַרשטאָרבענעם קליין-און-גרויס
און איך האָב זיך אומגעקערט צוריק אין מיין לייוונטענעם שטוב,
סיף באַגראָבנדיק זיך אין איר שאָטן, ווי אין אַ פינצטער-שוואַרצן גרוב.
נישט איך האָב אָנגעקוקט די זון אויפן ליכטיקן הימלישן פאָן,
נישט מיך האָט עמעצער ווען-ס'איז געזען שפּאַצירן איבער סטעפ
– כ'בין געוואָרן קינדיש ווי אַן אַלטער וועלכן ס'פּוילט דער לעצטער צאָן.

און אַזוי שרעקלעך האָבן מיך געריירט די באַקומענע קלעפּ,
אַז כ'האָב קיין לעבעדיקן פּנים גאָר באַגרייפן נישט געקענט, נאָר
נאָכאַנאַנד געזען פאַר זיך די פּנימער די בלוי-ברוינע,
די וואָס זענען מיר אַוועקגעריבּט געוואָרן דורך דער דזשומע.
כ'האָב געזען זיי דאָ מיט זיך אין מיין געצעלט ווי אויף דער וואָר,
איז עס טאָג אַ ליכטיקער, מעג לבנה אויפן הימל וווינען
– כ'האָב געזען זיי און גערעדט צו זיי מיט מיינע ליפן שטומע.

אָפטמאָל אויך אין שלאָף האָב איך די קולות זייערע געהערט
און כ'האָב געהערט אַן אימהדיקן וואָיען פון כיענעס[12]) אויך
און געפילט, אַז ס'ווערט די רו פון מיינע מתים דאָרט געשטערט,
אָדער אפשר ווערן זיי פאַרלוירן גאָר אין אַ כיענעס בויך.
און כ'האָב געהערט, געהערט אין טויטער בלאַסקייט איינגעזונקען
די שניידנדיקע קולות פון די מענטשן-פרעסערישע חיות
– געוואָרפן זיך, געביסן ליפן, געשריגן און געמאַכט הויות[13])



http://rcin.org.pl

ביז ס'זענען פארלאָשן געוואָרן אין מיין האַרץ די לעצטע פונקען
און כ'בין געבליבן שטיל. אַזוי זענען אַוועק מיר טעג און וואָכן,
אָן ווייטיק, זכרונות, אָן פּיין און מחשבות זיך געקראָכן,
איך בין געוואָרן האַרט און קאַלט ווי שטיין
– איך בין געווען אַליין.
נאָר איינמאָל – אך! גאָט האָט נאָך נישט אָפּגעטון פון מיר זיין גנאָד
ס'האָט עמעצער אַריינגעקוקט צו מיר אין צעלט און... מיין גאָט!
ס'האָט נישט קיין מענטש געוואָגט דערנענטערן זיך צום אָרט פון קללה,
– מיין אַלטער קעמל האָט אַוועקגעבויגן פון מיין צעלט די פּאָלע
און ער האָט מיך אָנגעקוקט מיט אַזאַ פּנים פול מיט צער,
אַז כ'האָב צעוויינט זיך ווי אַ פּיצל קינד אָדער אַ גרויסער נאַר.

אַזוי האָב איך דורכגעלעבט די פּערציק מרה-שחורה טעג;
עס זענען מענטשן געקומען מיך אַרויסטרייבן פון מיין געלעג.
אָבער ביטער איז די פרייהייט און די שעה פון „דו מעגסט גיין“!
כ'בין שוין געווען געוווינט צום פינצטערן געצעלט און צו דעם זיין אַליין,
מיט אַ געפיל פון שוידער, ווייטיק, אומעט און פון טרויער,
דאַרף איך אַרויסצורייסן האַלטערס, שטריק, פאַנאַנדערנעמען ס'צעלט
פון וועלכן איך מיט מיינע טויטע קינדער זענ' געווען בויער,
אך! העלף עס מיך דאָך טון, איך בין געבליבן איינזאַם אויף דער וועלט!..

און אפשר קענען דיר די לייוונטס באַכמער ווייטיק גאָר דערציילן?
זיי האָבן אַלץ געזען ווי איך, זיי ווייסן אַלץ, זיי האָבן אַלץ געפילט!
– זע, ווי ווייטיק-בילדער זענען זיי, געמאָלט מיט פאַרב פון איילן –
קוק זיך צו צו זיי, ריר זיי אָן, שרעק זיך נישט פאַר דזשומע-בילד!
דאַרפסט נישט שרעקן זיך פאַר מלאך-מערדער, וואָס קען מיט קאַלטן ריר פון..
דו דאַרפסט נישט מורא האָבן גאָרנישט, זון, דו ביסט דאָך נישט מיין זון..
אָבער אַנטלויף נישט, אָבער גיין!
איך פיל און ווייס עס אַליין,
אַז קוקנדיק אויף די געצעלטן מוז ביי יעדן פרעמדן קלאַפּן צאָן-אָן-צאָן.
א טויט פון דזשומע – דאָס איז אַ מוראדיקער טויט! הייבסט-אָן
דיין נאָנטע סביבה, ברידער, טאַטע-מאַמע נישט דערקענען
און שפּעטער ברענט אַ פייער, וואָס וויל די ברוסטן דיר פאַרברענען..



http://rcin.org.pl

אך! איך האָב אַזעלכע דאָך געזען די מתים מײנע אכט!
דערוויַיף נאָר קוקנדיק האָב איך דאָך דרײַ חדשים דאָ פאַרבראַכט!
און הײנט — גיב אַ קוק! — איך שפּאַן מיר אײַן מײנע נײַן דראָמאַדערן
— אכט געזעסן אויף זײערע הויקערס וועלן נישט באַזעצט שוין ווערן,
און ס׳איז מיר גאָרנישט נישט געבליבן מער, א הויז גאָט אין מײַן האַרצן,
דאָרט זענען מײנע קבֿרים, דאָ גײ איך אין מײַן וועג דעם שוואַרצן.

---

http://rcin.org.pl

## באמערקונגען צו דער הקדמה.

1) אן פֿרומגרענעצונג פון ערטער וואָס זענען פאַרנומען דורך אן אגשטעקנריקער חולאת.

2) אַ פּראַכט-אוהל פאַר מתים.

3) אַ מאַכמעדאַנישער כהן, וואָס רופט צו תפילה פֿון די טעמפּל-טורעמס (מינארעטן).

4) סלאָוואַצקי אַלס העלד פון זיינס אַ פּאָעמע.

5) שטערן-גרופּע.

*) ריטער סאָלימאַ — אַ באַצייכנונג פון קרייץ-טרעגער.

## באַמערקונגען צו דער פּאָעמע.

1) די הייל ווו מ'האָט פאַגראָבן די געשטאָרבענע פון דזשומע.

2) איין-הויקערדיקע קעמלען.

3) געוויקסן ביי די ים-ברעגן פון מזרח.

4) בערג אין ארץ-ישראל און סיריען.

5) שיינע מזרח-ביימער, באַרימטע פון זייער הויך.

6) אַ מזרח-בוים.

7) נאַכן טויט.

8) עלטסטער פון די זין.

9) יאָמער-געשרייען.

10) הייל.

11) מאָל פון יאָמער.

12) רויב-חיות, וואָס גראָבן אָפּטמאָל אַרויס מתים פון די קברים.

13) באַוועגונגען.



http://rcin.org.pl

אין דער פּאָעמע דאַרפֿן פֿאַראָכטן ווערן פֿאָלגנדיקע באַמערקטע טעותים:

זייט 13, שורה 18, אנשטאַט „שטריק“, דאַרף זיין „שטריך“.
„ 14, „ 6, „ „איר“, „ „ „אירע“.
„ 14, „ 28, פֿעלט צווישן „געוואָרן“ און „דעם“ — „אין“.
„ 16, „ 5, אָנשטאַט „בריה“, דאַרף זיין „בריאָה“.

חוץ־דעם זענען אייניקע ערטער אין דער פּאָעמע שוין פֿאַראָכטן געוואָרן לויט די עצות פֿון חשובֿן דיכטער ז. סעגאַ־לאָוויטש, וועלכן איך דאַנק אויף דעם אָרט.

י. ט.

22.576

http://rcin.org.pl

Ze zbiorów Fundacji im. J. I. Michalskich *

הילע געצייכנט י. טיקאטשינסקי
געדרוקט ביי י. הענדלער, ווארשע, דלוגע כו.

JULJUSZ SŁOWACKI
„DŻUMA" (Ojciec zadżumionych)
WYDAWNICTWO CH. BRZOZA
Warszawa, Leszno № 27.

Druk. I. Hendlera, Warszawa, Długa 26

W. Icchok Turkow
(żargon)

http://rcin.org.pl

http://rcin.org.pl

WYD. CH. BRZOZA WARSZAWA, 1925.

http://rcin.org.pl

http://rcin.org.pl

St-i J. Ojciec zadżumionych
(żarg. tłom. Turkowa)

http://rcin.org.pl